Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT

פרייז 15 גראשען

היינט 10 זייטען

# לאדזשער פאלקסבלאט

| № 285 | Łódź Sroda, 9 grudnia 1931 r. | נייגטער יאהרגאנג | לאדז, מיטוואך, כ"ט כסלו תרצ"ב | № 285 |
|---|---|---|---|---|

Adres Redakcij i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — 224-71 אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל.

# היינט אלגעמיינע פאלקסציילונג אין פוילן

**דער היינטיגער טאג דארף געבען א געגוי בילד פון ווירטשאפטליכען, קולטורעלען און נאציאנאלען מצב אין לאנד.**

**די ציפערן פון דער היינטיגער פאלקסציילונג וועלען בעשטימען די פאליטיק פון דער מלוכה אויף יאהרען פאראויס.**

## א בעוואוסטזיניגע בעציהונג צו דער פאלקסציילונג איז דער בירגערליכער חוב פון יעדען איינוואוינער פון לאנד.

**יעדער איינציגער דארף היינט זיין גרייט אויפצונעהמען די קאמיסארען פון דער פאלקסציילונג.**

## יעדער איינער דארף זיין גרייט צו געבען ענטפערן אויף די פראגען פון די ציילונגס-פאר-מולארען, און די ענטפערן דארפען זיין גענויע און ענטשפרעכען דעם אמת.

**זאל קיינער נישט מורא האבען צו זאגען דעם פולען אמת אויף די פראגען פון דער פאלקסציילונג: די ענטפערן ווערען לויט'ן געזעץ געהאלטען אין פולער געהיימניש און עס דראהט נישט פאר קיין שום ידיעה קיין שום קאנסעקווענצען.**

**פאר'ן יודישען בירגער איז דער היינטיגער טאג א טאג פון נאציאנאלען עקזאמען. די נאציאנאליטעט פון יעדען איינוואוינער וועט בעשטימט ווערען לויט דער מוטער-שפראך, וואס ער וועט אנגעבען.**

**ווער עס וויל פיגורירען אלס יוד, ווער עס וויל נישט, אז די יודען אין פוילען זאלען בעהאנדעלט ווערען אלס קליין הייפעל מענשען, וועמענס אינטערעסען מען קאן איגנארירען, ווער עס וויל נישט, אז די יודען זאלען בעהאנדעלט ווערען בלויז אלס רעליגיעזע געמיינשאפט, נאר אלס נאציאנאלע קערפערשאפט. ווער עס וויל ערפילען זיין חוב לגבי דעם יודישען פאלק, דער וועט אנגעבען יודיש אלס זיין מוטערשפראך.**

## אויף דער פראגע: וואס איז אייער מוטער-שפראך, ענטפערט איהר איינציג און אויסשליסליך: יודיש!

---

# נייע אנטי-יודישע עקסצעסען

## זענען פארגעקומען אין דער ווינער אוניווערזיטעט

## 12 יודישע סטודענטען זענען פערוואונדעט געווארען

וויען, 8. (פאט). נעכטען האבען זיך ווידער איבערגעחזרט די אנטי-יודישע עקסצעסען אויפ'ן ווינער אוניווערזיטעט. די נאציאנאליסטישע סטודענטען האבען נעכטען פערטיילט אויפרופען אין וועלכע זיי האבען פערלאנגט איינצופיהרען „נומערוס קלאוזוס", א גרופע נאציאנאליסטישע סטודענטען האבען זיך אריינגעריסען אין זאל, וואו ס'איז פאר-געקומען די לעקציע פון פראפעסאר וועס און מיט אויסגעשרייען „נידער מיט די יודען" האבען זיי אנגעהויבען ארויסצוווארפען פון זאל די יודישע סטודענטען און סטודענטקעס.

אין קארידאר האבען זיך די נאציאנאליסטען אויסגעשטעלט אין צוויי רייהען און מיט שטעקענס געשלאגען די סטודענטען וואס זענען ארויסגעווארפען געווארען פון זאל.

12 סטודענטען זענען פערוואונדעט געווארען.

אין די אוואנטורעס האבען אויך אנטיילגענומען סטודענטען פון אנדער עהויך-שולען און גימנאזיא-לע יוגענד. כדי צו פערהיטען פון ווייטערדיגע אוואנטורעס ווערט דער אוניווערזיטעטס-בנין שטארק בעוואכט פון פאליציי.

### אפקלאנגען פון די סטודענטען-געשעהענישען

#### ענדעקעס ווילען נישט זיצען צוזאמען מיט די יודען

לעמבערג, 8. (טעלעפאניש). אין צוזאמען-האנג מיט די געשעהענישען וואס זענען פארגעקומען שבת אויף די לעקציעס פון פראפעסאר באגוצקי אויפ'ן פאקולטעט פון יבשה-אינזשינעריי אין לעמבערגער פאליטעכניקום וואו די ענדעקישע סטודענ-טען האבען געפאדערט אז מען זאל אפטיילען דייערע טישלען פון די יודישע, האט דער רעקטאריאט אפ-געשטעלט אין זייערע רעכט 2 ענדעקישע סטודענטען — דעם פרעזעס פון „בראטניא פאמאץ" שובאלסקי, און זיין פערטרעטער שיקוש.

גלייכצייטיג האט דער רעקטאריאט ארויסגע-געבען א מעלדונג, אז דאס נישט בעזוכען די לעק-ציעס פון פראפ. בראטרא דראהט צו פערלירען א גאנץ יאהר.

ווי בעקאנט האבען די ענדעקישע סטודענטען בעשלאסען צו באיקאטירען דעם פראפעסאר בראַ-טרא, וועלכער איז ארויסגעטרעטען געגען די ענדע-קיש עססטודענטען און פערטיידיגט זייגע יודישע סטו-דענטען.

---

# פוילישע סוחרים אין פויזען

## רופען צו א באיקאט-אקציע געגען יודען

פויזען, 8. (טעלעפאניש).

אין „הויז פון פוילישען סוחר-טום" אין פויזען איז פארגעקומען א צוזאמענפאהר פון די דעלעגא-טען פון אלע אינסטיטוציעס, וועלכע זענען אנגעשלא-סען אן פויזנער סוחרים-פעראיין.

צווישען אנדערען האט דער צוזאמענפאהר בע-האנדעלט די פראגע וועגען איינפיהרען אין לעבען די פרינציפען פון „סוואי דא סוועגא", נאך א לעבהאפ-טער דיסקוסיע זענען אנגענומען געווארען פאלגענדע בעשלוסען:

„דער קאמף וועגען דער ענטוויקלונג און געהע-ריגער בעדייטונג פון סוחרטום האט א כאראקטער פון דורכפיהרען נישט בלויז די וויכטיגע רעפאר-מען, פאר'ן האנדעל, נאר דארף בעוואוסטזיניג מא-כען די ברייטע קרייזען פון דער פוילישער געזעל-שאפט אין דער ריכטונג פון שטיצען די פויליש-קריסטליכע סוחרישע פאזיציעס. די ערהאבענסטע לאזונגען פון שטיצען דעם אייגענעם האנדעל וועלען ערשט דעמאלט בעקומען א רעאלען ווערט ווען די געזעלשאפט וועט איבערגעהן צו מעשים און דורך אנ'אקטיווער אונטערשטיצונג פון אייגענעם האנדעל וועט זי פערלייכטערן זיין ענטוויקלונג און די שטרע-בונג צו בעהערשען דעם האנדעל אין פוילען".

די רעזאלוציע רופט ווייטער די פוילישע סוחרים צו זיין טעטיג אין דאזיגען באיקאט-גייסט.

# פערטשאדעט א יודישע פאמיליע אין ווארשא

ווארשא, 8. (טעלעפאניש). אויף שיווארי-סקא 3 זענען פערטשאדעט געווארען מיט ר'יך דריי פערזאן: די 36-יאהריגע רחל לייסטער, איהר 12-יעהריגע טאכטער העניע, א שילערין און די שכנטע סטאניסלאווא קאוואלסקא.

די ארויסגערופענע גיכע-הילף האט זיי אלעמען איבערגעלאזט אויפ'ן ארט אין א נישט-שווערען צושטאנד.

ווי ס'ווייזט זיך ארויס האט מען ביי די לייס-טער'ס שפעט איינגעהייצט דעם אויווען און איידער ס'האט זיך גוט אויסגעברענט האט מען פערמאכט דעם שיבער, דער רויך האט זיך אויף אזא אופן אויך אריינבעקומען אין דער וואוינונג פון דער שכנטע קאוואלסקא, דער צושטאנד פון די פערטשאדעטע איז א בעפרידיגענדע.

# דערשאסען זיך אויף טויט

## דער קאסיר פון קאלישער מאגיסטראט

קאליש, 8. (פאט). היינט 7 א זייגער האט זיך דערשאסען אויף טויט דער קאסיר פון קאלישער מאגיסטראט רישארד נוימאן.

